# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי
היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

## מרן רביה״ק
## מסאטמאר זי״ע

יו״ל ע״י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה״ב

שנה ו׳ גליון ק״פ | פקודי/החודש - ויקרא תשפ״ה לפ״ק






# שטארקע אויפוואכונג ב״ה ביי ארטאדאקסישע קרייזן אין אמעריקע קעגן אנטיילנעמען אין טמא׳נע בחירות צום ציוני׳סטישן הסתדרות

**ריזן אסיפה אין ישיבה גבוה דלעיקוואוד, מיט פייערדיגע דרשות דורך גדולי ראשי הישיבות שליט"א איבער איסור חמור פון זיך משתתף זיין מיט ציוניסטן — שטארקע ווערטער געהערט פון הגאון רבי דוב לאנדא שליט"א מראשי ישיבת סלאבאדקע: "איסור חמור מאוד מאוד"**

**בושה תכסה פנינו: יהדות אמעריקע שאקירט ווען געוויסע חסיד'ישע קרייז שיקט זייערע מענטשן שטימען צום הסתדרות הציונית, וועלכע פאדערט דעקלעראציע פון טרייהייט צו שוידערליכע כפירה ומינות פון רעיון הציוני פון הערצל ימ"ש**

### וואס טוט מען נישט פאר אפאר שקלים?

## פרישער פורים שפיל דורך חרדי'שע פארטייען אום סאמע חודש אדר


זעט אויספירליך אויף זייט 2


## צדה"ל באפרייט חרדי'ש מיידל פון ארעסט נאך העפטיגע שנעלע אינטערוועגנץ פונעם ראש המצילים הר"ר שמעון שישא

פרומע מיידל פון 'אגודה' קרייזן ארעסטירט געווארן אין לופטפעלד טראץ האבנדיג אריינגעשיקט "הצהרה לפטור מטעמי דת" — קיינער פון 'אגודה' שישקעס קען איר נישט העלפן, און איר געשיקט צום איינציגן אמת'ן הילף-אדרעס: "מרכז עזרה ויעוץ" — נאך זאפארטיגע באראטונגען איז ארויס קאטעגארישע מעלדונג מטעם בד"ץ העדה החרדית זיך צו גרייטן פאר שטורמישע פראטעסטן — אין זעלבע צייט האט ר' שמעון אונטערגענומען די ריכטיגע שתדלנות, עפ"י הוראתם פון די עיני העדה חברי הבד"ץ — נאך א קורצע ווײלע האט דער טמא'נער מיליטער איר באפרייט, און נאך אפגעהאלטן דעם פליגער מיט וואס זי האט געקענט ארויספארן באצייטנס. — לך והושעת את ישראל




## רבבות ספרד'ישע אידן ביי מעגא-פראטעסט "עצרת הרבבות" היינטיגן דאנערשטאג פקודי קעגן ביטערן גזירת גיוס בני הישיבות

גדולי רבני וראשי ישיבות הספרדים, אין שפיץ פון הגאון רבי משה צדקה שליט"א, רופן ספרדי'שן ציבור ארויסצוקומען אויף די גאסן פון ירושלים עיה"ק אויסצושרייען דעם ביטערן ווײ-געשריי קעגן די שרעקליכע גזירה, וואס אפעקטירט ספעציעל גאר שטארק די שוואכערע בחורים פון ספרדי'שן לאגער

השתדלו והרבו תחינה ובקשה

# כלל ישראל רייסט אין לרפואתו השלימה פונעם זקן ראשי הישיבות, הגאון האדיר רבי אליקים בן ביִלָה שלעזינגער שליט"א ראש ישיבה הרמה דלאנדאן

# ביבי לאכט א גוטס...

## פרישער פורים שפיל דורך חרדי'שע פארטייען, וועלכע **פאלן כורעים ומשתחוים להמן** אום סאמע חודש אדר

**ווידער האט זיך ארויסגעשטעלט די לעכערליכקייט און נישטיגקייט פון די חרדי'שע פארטייען, ווען פאר אפאר שקלים זענען זיי גרייט צוווארפן זייערע אייגענע פרינציפן איבער'ן דראנג. געב נאר אהער דאס געלט און דער שפיל וועט ווייטער אנגיין.**

**בעפאר אלעם, לאמיר מאכן קלאר: דער 'חוק הגיוס' וואס ווערט יעצט אויפגעברענגט און פאראויסגעשטופט אין כנסת המינים, איז א שרעקליכער שענדליכער חוק, וואס שלאגט פאר אזוינע ווייטגרייכנדע פשרות ווי אריינצווינגען אזויפיל ווי 50% חרדי'שע בני ישיבות אין מיליטער ביז עטליכע יאר! היל"ת.**

**אפילו אויב זייער ניגון שטילערהייט איז אז ס'וועט קיינמאל נישט צושטאנד קומען, און ס'איז זיכער נישט צום ערווארטן אז די ישיבות וועלן ח"ו ווערן אויסגעליידיגט ביז האלב, אבער דער עצם הסכמה פון חרדי'שע חברי כנסת המינים פאר אזא שענדליכן געזעץ איז א געפערליכער 'מעסעדזש', און עפנט די טיר פאר ווייטערדיגע ווייטגרייכנדע ויתורים, וואס וועט בלי ספק קאסטן קרבנות, ה"י.**

אויף למעשה אבער, האבן די חרדים אין די לעצטע בחירות נישט אויפגעהערט צו פראפאגאנדירן און אפשרעקן זייער ציבור אז מ'מוז גיין שטימען פאר 'יהדות התורה', כדי זיי זאלן קענען דורכפירן א פרישן חוק הגיוס. "דאס וועט זיין אונזער סאמע העכסטע פריאריטעט" האבן זיי פארשפראכן.

זינט דאן איז שוין דורך צוויי און א האלב יאר. יעדע 15 מינוט הערט מען פרישע זמירות פון די חרדים אז 'דאסמאל גיי מיר זיך לאזן, אבער ביי די נעקסטע דעדליין וועלן מיר שטיין פעסט'. יעדעס מאל עקסטער לאכט זיך ביבי אונטער די וואנצעס. אסאך זאכן ברענגען אים שלאפלאזע נאכט. 'סטראשונקעס פון די חרדים' איז נישט איינע פון זיי...

### ס'ערשטע מאל

האבן די חרדים געזאגט אז זיי גייען נישט אונטערשרייבן דעם קאאליציע אפמאך בעפאר א נייער חוק הגיוס ווערט דורכגעפירט (פונקט ווי סמוטריטש האט פארפירט אז ער גייט נישט אריין אין די קאאליציע נאר אויב ער באקומט געוויסע קאנצעסיעס – וואס ער האט באקומען).

למעשה האט ביבי געלאכט א גוטס. די חרדים זענען אריין אָן א חוק הגיוס.

***ואת פרשנדתא***

### ס'צווייטע מאל

האבן די חרדים געזאגט אז זיי גייען נישט שטימען פאר'ן בודזשעט (די ערשטע מאל וואס זיי האבן גענוצט די סטראשע, אין 23' למספרם). אויב איז נישטא קיין בודזשעט, צופאלט די רעגירונג אויטאמאטיש, וואס ביבי האט אודאי נישט געוואלט.

למעשה האט ביבי געלאכט א גוטס. די חרדים האבן געשטימט פאר'ן בודזשעט.

***ואת דלפון***

### ס'דריטע מאל

האבן די חרדים געזאגט אז די זומער-סעסיע פון כנסת וועט נישט דורכגיין אָן קיין חוק הגיוס.

למעשה האט ביבי געלאכט א גוטס. שוין געווען צוויי מאל זומער זינט דאן...

***ואת אספתא***

### ס'פערטע מאל

תמוז תשפ"ג איז אויסגעלאפן דער פריערדיגער גיוס געזעץ. די רעגירונג האט באשלאסן אפצושטופן מיט א יאר דאס איינשטעלן גיוס בני הישיבות, כדי צו קענען אויפקומען מיט א נייעם געזעץ. די חרדים האבן געווארנט ביבי אז מ'מוז טון אלעס אין דער וועלט דורכצופירן א נייעם חוק הגיוס. 'אויב נישט – ...'.

למעשה האט ביבי געלאכט א גוטס. די חרדים זענען געבליבן אין די רעגירונג אָן א חוק הגיוס.

***ואת פורתא***

### ס'פינפטע מאל

כאמאס האט דורכגעפירט די ערגסטע טעראר אטאקע זינט די צווייטע וועלט מלחמה. ס'ברעכט אויס א מלחמה, קיין איין חרדי גייט נישט אין מיליטער – ב"ה – אבער פילע חרדים שפירן זיך 'באזאפעצט' אז זיי זענען 'נעבעך' נישט אויפ'ן פראנט צו פאראויסשטופן מיליטעריש די מדינה'ס אגענדע.

ס'ווערט א פלייץ פון 'חיזוק לצה"ל' ר"ל. חרדי'שע אידן פרובירן איבערשטייגן איינער דעם צווייטן מיט ארויסווייזן 'שטיצע' פאר די סאלדאטן – אויף א פארנעם וואס ברענגט הויכע פראגעס: אויב זענען מיר יא איינס, פארוואס גייען ענק אנגעטון שווארץ, און נישט גרין?!

***ואת אדליא***

### ס'זעקסטע מאל

אדר תשפ"ד. דער בג"ץ אורטיילט אז מ'וועט אפהאקן די געלטער פון די ישיבות אויב בחורים שטעלן זיך נישט צום מיליטער. דא זענען די חרדים געשפרינגען. יעצט רעדט מען שוין 'זייער שפראך'. ביבי זאגט צו אז מ'גייט ביז עטליכע וואכן דורכפירן א נייעם חוק.

למעשה האט ביבי געלאכט א גוטס. ווידער האט ער צוגעזאגט אז 'ביז ענדע זומער' וועט זיין א נייער חוק.

***ואת ארידתא***

### ס'זיבעטע מאל

ביבי זעט אז ס'גייט נישט, נעמט ער אפיר אַן אלטן געזעץ פון בעני גאנץ, און שלאגט פאר אז דאס זאל ווערן דער נייער חוק. די חרדים גייען איין דערויף – כאטש וואס ארגינעל האבן זיי געהאט געשריגן אז דער זעלבער געזעץ איז א "גזירת שמד".

למעשה איז דער געזעץ קיינמאל נישט באשטעטיגט געווארן אין א צווייטע-און-דריטע אפשטימונג. אבער ביבי האט ווייטער געלאכט א גוטס. די חרדים זענען דארט געבליבן.

***ואת פרמשתא***

### ס'אכטע מאל

תמוז תשפ"ד. דער יאר איז דורך, און אויב די חרדים האבן זיך געהאט איינגערעדט בעפאר אקטאבער 7 אז זיי וועלן קענען באקומען א גינסטיגן חוק הגיוס, איז קלאר געווארן אז די מלחמה האט צונישט געמאכט אלע פלענער. ספעציעל האט דאן-פארטיידיגונג מיניסטער גאלאנט קלארגעשטעלט אז ס'וועט נישט קיין נייער חוק אָן הסכמה פון בעני גאנץ. לייען: נישטא קיין חוק הגיוס.

אבער ביבי האט ווייטער געלאכט א גוטס. צענדליגער טויזנטער בני הישיבות זענען געווארן דערקלערט אלס 'משתמטים', מיט א דראאונג פון טורמע און אנדערע קנסות, אבער די חרדים זענען ווייטער פארבליבן אין די רעגירונג.

***ואת אריסי***

### ס'ניינטע מאל

שווערע טויזנטער בני הישיבות באקומען א 'צו גיוס', פיל פון זיי באקומען שוין אויך א 'צו מעצר'. די חרדי'שע גאס רוישט. גאלדקנאפף סטראשעט, ביבי פארשפרעכט אים אז מ'גייט זיין 'מחליף פרה בחמור'. ער ווארפט ארויס גאלאנט און נעמט אריין כ"ץ אלס שר הבטחון. "דאס וועט אלעס טוישן".

למעשה האט ביבי געלאכט א גוטס. כ"ץ טוט דאס זעלבע ווי גאלאנט, אויך דער נייער הויפט גענעראל טוט דאס זעלבע ווי זיין פארגייער, און די חרדים זיצן ווייטער באקוועם.

***ואת ארידי***

### ס'צענטע מאל

ס'קומט דער בודזשעט 2025. די לעצטע געלעגנהייט פאר די חרדים צו סטראשען ביבי (וויניגסטנס פאר א יאר) אז זיי צעווארפן די רעגירונג. גאלדקנאפף סטראשעט 'דאסמאל מיין איך עס אמת'דיג'.

למעשה האט ביבי ווייטער געלאכט א גוטס. ווי איר ווייסט שוין מסתמא די נייעס, האבן די חרדים זיך פולקאם געבראכן. געשטימט פאר'ן בודזשעט, קיין חוק הגיוס איז נישטא.

***ואת ויזתא***

### 'יעצט' גייט עס געלונגען!

שוין, א נייער דעדליין: שבועות.

אבער אויך דער נייער דעדליין טאר מען נישט חלילה זאגן אז מ'גייט צעווארפן די רעגירונג. נע. מ'גייט נאר 'עכט עכט שטארק ווייזן נו נו מיט די פינגער', און איבערקלערן צי מ'זאל בלייבן אין די רעגירונג.

נישט געזארגט. ביבי וועט ווייטער לאכן. און די חרדים וועלן אויך לאכן, פון זייערע אייגענע קעלבלעך.

***ע-ש-ש-ש-ר-ת...***

צוליב טעכנישע סיבות איז ארויסגעפאלן די וואך דער פארזעצונג פון די סעריע **"על משמר החינוך – קאמף קעגן שקאלעס"**. עס וועט פארזעצן בע"ה ביתר שאת אינעם קומענדיגן גליון לכבוד יו"ט פסח.

**ואתכם הסליחה.**





שמחת קישור החיתון בבית הר"ר שמעון שישא שליט"א ראש המצילים, אין שטוב פון מרן גאב"ד ירושלים שליט"א



בחור זוכה געווען צו זיין ערשטער ארעסטאנט פון די ערשטע 3,000 'צווי גיוס' כוואליע פאריאר זומער, און ב"ה באפרייט געווארן גאר שנעל אדאנק געניטע ארבעט פון עזרה ויעוץ אדוואקאט - אין די לעצטע וואכן איז ער אדורך די ענדגילטיגע באפרייאונג פראצעדורן מיט געניטע הילף פון די מצילי המרכז - אצינד האט ער ב"ה ערהאלטן זיין ענדגילטיגער פטור און אראפגעקומען מיט'ן פאטער צום אפיס זיך באדאנקען מתוך שמחה



מצילי מרכס עזרה ויעוץ בי ספעציעלע מעמד אין ישיבה פון ספרדי'שע בחורים, וואו פילע זענען גערעטעוועט געווארן אדאנק אומערמידליכע ארבעט פון מרכז עזרה ויעוץ



איגנארירט דעם מיליטער רוף כהוראת הרבנים און ארעסטירט געווארן - אין טורמע לײדער שיער געבראכן געווען פון די רדיפות, און באשלאסן אז מען וועט טון דאס שרעקליכע, צו גיין אין מיליטער רח"ל -אין די לעצטע מינוט האט ער ב"ה געשאפן פארבינדונג מיט עסקני מרכז עזרה ויעוץ, מען האט אים געגעבן די פונקטליכע הוראות און הדרכות, און... מען קומט טרינקען לחיים אינעם מרכז אפיס מיט א פטור אין האנט!

# א קראנקער בחור נעבעך...

## שיינער ארגינעלער בריוו אנגעקומען צו עסקני המרכז אין חו"ל, פון 'א גאסט אויף א וייל' נאך א לעבעדיגער באזוך אינעם מרכז

...איך וואוין אין מאנטרעאל, איך בין יעצט אין ארץ ישראל, איך האב אסאך געהערט וועגן מרכז עזרה ויעוץ, איך האב עס געוואלט מיטהאלטן לעבעדיג, בין איך אריבערגעגאנגען צו זייער אפיס, און געפרעגט אויב איך מעג זען, און איבערגעבן א גרוס קיין אמעריקע,

קודם האב איך געזען א שורה ביז די גאס און מסופק געווען צי כ'זאל בכלל שטערן די ארבעט, למעשה האבן זיי מיך זייער שיין אויפגענומען, און געוויזן אסאך אסאך זאכן, ווי געוויסע... פאפירן, אויך לעגאלע פאפירן, און אפילו ארייגעלאזט מיטצוהאלטן ווי בחורים רעדן מיט הר"ר שמעון שישא.

דער ערשטער בחור האט געהאט פאפירן פון א פסיכאלאג, און מיט דעם אלעס רופט מען אים אין מיליטער, און ר' שמעון האט איהם מסביר געווען אז דאס איז נישט גענוג. ער האט אים מדריך געווען וואס צו טון מיט אלע פרטים וואס ער דארף צו וויסן, און אים מבטיח געווען צו שטיין בקשר מיט אים ווען אימער ער וועט נאר דארפן, און אז ער קען אריינקומען אין אפיס ווען ער דארף.

אין דער רייע צווישן די וואס האבן געווארט האב איך געזען א בחור וויינט, איך האב גענומען די דרייסקייט און איהם געפרעגט זיין מצב, פארציילט ער מיר אז ער איז שוין געזעצן אין תפיסה, מען האט אים געפערליך געפייניגט, מען האט איהם געהייסן אויסרוימען די שמוץ, מיט די בלאטע, עס איז געווען א הייסער טאג, ער האט געשפירט ווי ער ווערט ממש אויסגעטרוקנט, און ער האט געפילט ווי זיינע כוחות ענדיגן זיך, ער קען נישט מער.

ב"ה נאך א שטיקל צייט האבן צוויי ארעסטאנטן דארטן זיך אנגעהויבן שלאגן מיט שרעקליכע קלעפ, האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך גענומען לויפן צום הויפט ווי א פאר'סמ'טע מויז אז יענער האט געזאגט ער גייט אים הרג'ענען, און ער ציטערט.

ער האט זיך ממש געווארפן און געטרייסלט, ביז מען האט אים געשיקט צו א צווייטן און ארויסגעלאזט. נאכדעם האט איהם הרב שישא געענדיגט שאפן זיין פטור.

יעצט האט ער א ברודער וואס האט א משפט דעם קומענדיגן דינסטאג (-און זיי האבן א געשוויסטער'ס חתונה אין אמעריקע, אבער מען לאזט נישט ארויס זיין ברודער). ער קען נעבעך נישט צוקוקן ווי זיין ברודער וועט דאס דארפן מיטמאכן, און נאך מיט א ספק אויב עס וועט געלונגען אזוי שנעל צו קענען מיטהאלטן זיין געשוויסטערס חתונה.

ער פארציילט מיר אז מרכז עזרה ויעוץ העלפט אים ארויס מיט וואס ער דארף.

א צווייטער פארציילט מיר דארט, אז ער איז געווען זעכצן יאר אלט, ער האט מיטגעהאלטן א הפגנה, און מען האט אים איינגעזעצט אלס א קרבן, עס איז נישט דורך אפאר שעה און ר' שמעון שישא איז אים געקומען בארואיגן, און ער איז ארויס ב"ה (ער פארציילט מיר אז די פאר שעה האבן זיי איהם פראבירט צו משכנע זיין צו ארבעטן פאר זיי, און באזונדער אויך פרובירט אים צוצורעדן מיט די הארבסטע רח"ל ואכמ"ל.)

איינער פון די עסקנים זאגט מיר דא, אז אסאך נישט היימישע קומען צו ר' שמעון שישא נאכן זיצן אין תפיסה, און זיי בעטן זיך אז זיי וועלן נישט קענען ביישטיין דעם נסיון. זיי זענען טאקע נעבעך שוואך, אבער זיי ווייסן אז אויב גייען זיי אריין אין מיליטער ווערן זיי גויים גמורים רח"ל.

שפעטער האב איך געזען אן אמעריקאנער בחור, אבער ער האט אויך א מדינת ישראל פאספארט, במילא לאזן זיי אים נישט ארויספארן, און הרב שמעון שישא העלפט אים.

דערנאך האט מיר הרב ... [דוד משה] דייטש געוויזן א פאפיר פון א משפט, עס שטייט דארטן געשריבן אזוי:

***"דער און דער בחור דארף זיצן 1,085 טעג פאר די עבירה פון נישט זיין כך וכך טעג אין מיליטער (אגב, פילע זיצן נישט אזוי לאנג, נאר מען ברעכט זיך אונטער לײדער צום מיליטער), דער סניגור פון די משפט האט נישט געוואלט רעדן גוטס*** [וד"ל]. זאגט הרב שמעון שישא; ***דער בחור האט די און די מחלה... ער איז נישט מסוגל צו גיין אין מיליטער, און אודאי נישט זיין אין תפיסה, און איך וויל דוקא יא אז דער סניגור זאל קומען רעדן.***

"דער סניגור האט אבער געזאגט אז ער איז פארנומען מיט אנדערע ענינים, און וויל זיך נישט אריינלייגן אין די נושא.

"זאגט הרב שמעון שישא; ***אויב ער וויל נישט רעדן, דעמאלט וועל איך רעדן, כאטשיג איך בין נישט קיין עורך דין*** (לויער), און ער לייגט אראפ דעם מצב פונעם בחור מיט זיין סכנה. זאגט דער שופט; ***קען זיין אז ער קען טאקע נישט זיין אין מיליטער, אבער וויבאלד ער האט נישט געמאכט אלע זיינע פאפירן וועט ער נאר זיין אין תפיסה צוויי וואכן, און נאכדעם וועט זיין א דאקטאר גרייט, און מען וועט זען אויב ער קען גיין אין מיליטער צי נישט, און ביזדערווייל וועלן זיי אכטונג געבן אויף אים.***

"זאגט הרב שמעון שישא; ***דער בחור איז אין מצב וואס קען חלילה געשעהן א סכנה מיט אים, און ער איז נישט מסוגל צו זיצן בכלל אין תפיסה, ער קען נאך שטארבן ח"ו, און ווי איך ווייס האט נישט די מדינה א דאקטאר פרטי אויף דעם אין תפיסה, במילא קען די בחור נישט זיין אין תפיסה אפילו איין טאג.***

***"ממילא בין איך מציע, אז אדער וועל איך אריינלייגן א משכון, אדער געלט, אדער זאלן ענק ברענגען א דאקטאר פרטי {אבער נאך היינט} וואס זאל אכטונג געבן אויף איהם, אדער קענען ענק איהם נעמען אין די מדינה'ס משוגעים הויז, אבער אין תפיסה וועט פאר איהם זיין א סכנה פון שטארבן.***

"זאגט דער שופט; ***די חלק מדינה פון מיליטער קען אים נישט איבערגעבן צו די חלק מדינה פון משוגעים הויז.***

"זאגט הרב שישא; ***איני מכיר אז עס איז צוטיילט אין צוויי עקסטערע מדינות, מיליטער, און משוגעים הויז, די משוגעים הויז איז דאך אויך אונטער די מדינה, ממילא איז נישט שייך קיין שום חשש אז ער וועט אנטלויפן אדער זיך ארויסדרייען, ער ליגט דאך אין ענקערע הענט. זאגט דער שופט; איך האב געהערט זיינע טענות, און איך פארשטיי, אבער למעשה ווייל דער בחור האט דאך געטון אזא גרויסע 'עבירה' זיך נישט וויסנדיג צו מאכן, וועט ער יא זיצן אין תפיסה, אבער טאקע ווייל ער איז במצב סכנה, וועט ער נאר זיצן צוויי טעג, אבער אויב מען זעט סיי וואס פארא שווערע מצב אויף דעם בחור בנוגע זיין קרענק, מוז מען אים תיכף שיקן אין שפיטאל, און נישט פרובירן צו באהאנדלען אליינס".***

ביז אהער דער דאקומענט, וואס די ענדע פונעם סיפור איז אז נאך יענעם טאג האט מען 'געזען' אויף אים א שווערער מצב וד"ל, און ער איז ב"ה פארשיקט געווארן צום שפיטאל נאך יענעם טאג, און דערנאך צו זיך אהיים לחיים ולשלום...

**אשר אנשיל שישא**

סימן טוב ומזל טוב

## כלל ישראל מה אומרת: ישמח לבנו גם אנו

בלב רגוש והומה, ובשם רבבות בחורי ישראל הנצולים מצפרני רשע, נשגר בזה
מיטב ברכותינו החמות אל מול פני האי גברא רבה, מצילן ומושיען של אלפי בחורי
ישראל, משליך נפשו מנגד למען עתידה של יהדות הנאמנה בארץ הקודש, ה"ה

# הר"ר שמעון הלוי שישא שליט"א

ראש המצילים בתוככי מפעל הק' "מרכז עזרה ויעוץ" למען הצלת בחורי ישראל משמד הגיוס,
אבי אסירי ציון, ושליח הבד"ץ לכל קדשי מערכות יהדות ארה"ק הנאנקים בשבי הציוני

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו

## באירוסי בנו בכורו

למז"ט ובשטומ"צ

עב"ג בת הגה"צ רבי משה פריש שליט"א

ראש מוסדות יערות דבש

ושמחה גוררת שמחה, ונביע ברכותינו החמות, לרגל שמחה הכפולה במעונו, רוממות ק-ל בגרונו,

## שמחת הכנסת בנו נ"י לעול התורה והמצוות

והברכה אחת היא, שיזכהו ה' לרוות רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציו, וישלח ברכה במעשי ידיו,
שיזכה לראות פרי בעמלו למען הצלתן של ישראל, מתוך נחת והרחבה ברכה והצלחה ושפע רב

**הרב נפתלי הירצקא צוויבל**
ראה"כ סאטמאר וומסב"ג

**הרב דוד שלמה עקשטיין**
מנהל בישיבה גדולה ד'סאטמאר

**הרב מאיר צוויבל**
מח"ס 'נר המאיר'

**הרב בנציון לאוב**
מו"ץ סאטמאר וומסב"ג

רבני וועד משמרת חומותיך

גם אנו מצטרפים

**יואל (בר"ז) פערל – פנחס אלימלך גליק**
חברי הנהלת מרכז עזרה ויעוץ בארה"ב

**וועלוול קוביטשעק – הערשל (בר"י) פריעדמאן**
שלוחי דרחמנא, בשם מאות עסקני המרכז ברחבי העולם

גדול העונה יותר מן המברך:

**יצחק שיפף**
יו"ר הנהלת מרכז עזרה ויעוץ

כי תקדמנו ברכות טוב

ברכת מזל טוב מקרב לב עמוק לידידינו וידיד נפש כל חי העסקן הנמרץ לכל דבר שבקדושה,
ובפרט למרכז עזרה ויעוץ

## מוה"ר אלי' הערשקאוויטש הי"ו

לרגל הולדת בתו למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ובהאי שעתא נברכנו במיוחד על עמדו לימינינו על כל צעד ושעל
להו"ל גליון "משנתו" לשמחת לב רבבות קוראינו בכל רחבי תבל

יה"ר שיראה רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח והצלחה בעבודת הקודש

## ברכת מזלא טבא

אל מול ידידינו החשובים

**הר"ר יצחק אליקים שווארץ הי"ו**
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל אירוסי בנו למז"ט

**הר"ר שמעון היילברוין הי"ו**
עסקן נמרץ למען 'ועד הפעולה שע"י העדה החרדית' ולמען 'מרכז עזרה ויעוץ'
לרגל הולדת בתו למז"ט

וגם לרבות חותנו הרבני הנגיד ראש וראשון לכל קדשי ישראל ובמיוחד לכל קדשי בית סאטמאר
**הרה"ח ר' יואל עפשטיין הי"ו**
מראשי ק"ק קרית יואל

**הר"ר מאיר לייב ווערטהיימער הי"ו**
מראשי מפעל "מחזיקים" לביסוס מוסדות על טהרת הקודש
לרגל הולדת בתו למז"ט

יה"ר שאך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם, ויזכו להמשיך בפעולותיהם הברוכות ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא

## זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון
קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א

רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227